# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ראה, מברכים חודש אלול, כ"ט אב, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק ה'

שנה 14, גליון 47 (715)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:25
מוצאי שב"ק......................8:54

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................איוב ל"ד-ל"ה
בבלי..................עבודה זרה ס"ו
ירושלמי................כתובות נ"ז
תוספתא...................מנחות ג'
רמב"ם.........................עבדים ב'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה. זֶע אַז אִיךְ גֶעבּ פַאר אַייךְ "הַיינְט" אַ בְּרָכָה אוּן אַ קְלָלָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א' סִימָן ל"ו), אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַרָאפּ פוּן הִימְל יֶעדְן טָאג פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַ לִיכְטִיגְקֵייט, אוּן עֶס לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיסְצוּמָאלְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, צִי עֶס זָאל זַיין גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק, אָדֶער חָלִילָה פַארְקֶערְט.

אַזוֹי וִוי מְ'גֶעבְּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ בֶּערְשְׁטְלֶעךְ מִיט פַארְבּ, אוּן מְ'זָאגְט אִים עֶר זָאל מָאלְן דֶערְמִיט אַ בִּילְד, אוּן עֶס לִיגְט אִין זַיינֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט וָואס אוּן וִוי אַזוֹי צוּ מָאלְן. אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל, וֶועט עֶר נֶעמֶען דִי גֶעצֵייג מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן מָאלְן אַ שֵׁיינֶע לֶעכְטִיגֶע בִּילְד, פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הַנָאָה הָאבְּן בַּיים קוּקְן דֶערוֹיף. אוֹיבּ אָבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, נֶעמְט עֶר דִי אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן עֶר מָאלְט אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁוַוארְצֶע בִּילְד, וָואס כַאפְּט אַ פַּחַד בַּיים קוּקְן דֶערוֹיף.

דִי זֶעלְבֶּע גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ יֶעדְן טָאג אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּמָאלְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג; אַ מֶענְטְשׁ מִיט שֵׂכֶל וֶועט נֶעמֶען דֶעם טָאג מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד, עֶר וֶועט אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער גוּטֶע זַאכְן אִינֶעם טָאג, אַבִּיסְל תּוֹרָה, תְּפִלָּה, אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זַיין בִּילְד וֶועט אוֹיסְקוּמֶען הֶערְלִיךְ שֵׁיין מִיט אַלֶע טַעֲמִים, עֶר וֶועט שְׁפִּירְן דֶעם טַעַם פוּן גַן עֵדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. אָבֶּער אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל, וֶועט לִיגְן אִין זַיין דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעדוּלְד צוּ קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן הָאבְּן דֶעם גֵיהִנוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט.

אוּן מְ'דַארְף וִויסְן אַז דֶער עִיקָר סוֹד מַצְלִיחַ צוּ זַיין אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ בְּרָכָה אִינֶעם טָאג, אִיז דוּרְכְ'ן קוּקְן נָאר אוֹיף הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן. אִין אֵיין טָאג קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַלֶעס טוּן, אַרַיינְכַאפְּן אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן, דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען הוֹיבְּן זִיךְ אָבֶּער אָן וֶוען מְ'קוּקְט אוֹיף נֶעכְטְן, מְ'וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אַז נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ דוּרְכְגֶעפַאלֶענֶער טָאג, מְ'הָאט סְתָּם פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט אוּן גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן, אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען נִישְׁט דִי כֹּחַ זִיךְ צוּ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין יָא אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מְ'קוּקְט אוֹיף מָארְגְן, דַאן הוֹיבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן, "אֲפִילוּ אוֹיבּ הַיינְט הָאבּ אִיךְ יָא מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וָואס וֶועט אָבֶּער זַיין מָארְגְן? וֶוער קֶען מִיר פַארְזִיכֶערְן אַז מָארְגְן וֶועט אוֹיךְ זַיין אַ גֶעלוּנְגֶענֶער טָאג?", דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת קֶענֶען אַוֶועקְנֶעמֶען דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א' סִימָן רע"ב), אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צ"ה, ז') "הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַלְץ טְרַאכְטְן נָאר פוּן דֶעם טָאג אוּן דִי צַייט אִין וָואס עֶר גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט, נָאר טְרַאכְטְן וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּן אִין יֶענֶע מִינוּט, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אוּן דַאן וֶועט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם'** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיבּ הָאט מֶען שֵׂכֶל אוּן מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן אוֹיף מָארְגְן, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וִוי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין, דַאן וֶועט עֶס זַיין, **בְּרָכָה** - אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער טָאג, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף מָארְגְן, 'הַיינְט אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן עֶפֶּעס טוּן", דֶעמָאלְט, **וּקְלָלָה** - וֶועט עֶס זַיין אַ פַארְשָׁאלְטֶענֶער טָאג.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג אוּן פִילְט עֶס אָן מִיט גוּטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, עֶס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ לְפַּרְשַׁת רְאֵה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ טוֹבָה פַאר אַ אִיד

דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד וָואס פְּרוּבִּירְט וִוי מֶער צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר אַ צְוֵוייטְן, קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אִיד אִין אַלֶע וֶועלְטְן, זַיין שְׂכַר אִיז אוּמְשַׁאצְבַּאר, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט מִיט דֶעם אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן הַשְׁפָּעוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט מִיטְ'ן צַדִיק הרה"ק רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע, דֶער הֵיילִיגֶער "מָאוֹר עֵינַיִם", וָואס פוּן דֶעם קֶען מִיר זֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חֲשִׁיבוּת אִין הִימְל פוּן אַ אִיד וָואס טוּט טוֹבוֹת מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן.

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק, פְלֶעגְט עֶר וַוייטֶער אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ לֶערְנֶען מִיט זַיין זוּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע. אֵיינְמָאל אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס דֶער טַאטֶע אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס צַעַר. בִּיז אֵיין טָאג אִיז דֶער טַאטֶע נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט דֶערְצוּ אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין טַאטֶע'ן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אִים בִּיז יֶעצְט, הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּ גָאר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ אִין גַן עֵדֶן, אוּן עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער אַרָאפּ צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים פוּן אַזַא הוֹיכֶע פְּלַאץ. הָאט אִים זַיין זוּן גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס יֶעצְט אִיז עֶר

<<<<<<

### א גוט ווארט

מֶען קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן אוּן אוֹיסְהֵיילְן, מֶען דַארְף נָאר אֵיין תְּנַאי, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַנֶערְקֶענֶען 'עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס אִיז קְלוּגֶער פוּן מִיר אוּן אִים פָאלְג אִיךְ'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן סז): "עִקַּר שִׁגָּעוֹן שֶׁל כָּל הַמְשֻׁגָּעִים הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁהוּא אֵינוֹ מְצַיֵּת וְשׁוֹמֵעַ לְדִבְרֵי הַבַּעֲלֵי שֵׂכֶל", דֶער עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם פוּן דִי מְשׁוּגָעִים אִיז וַוייל עֶר פָאלְגְט נִישְׁט דֶעם בַּעַל שֵׂכֶל, עֶר הַאלְט זִיךְ קְלוּגֶער, עֶר הַאלְט אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער, "כִּי הַמְשֻׁגָּע", וַוייל דֶער מְשׁוּגֶע'נֶער, "אִם הָיָה שׁוֹמֵעַ וְצַיָּת לְדִבְרֵי אֲחֵרִים שֶׁהֵם הַבַּעֲלֵי שֵׂכֶל", וָואלְט עֶר זִיךְ צוּגֶעהֶערְט אוּן גֶעפָאלְגְט וָואס דִי קְלוּגֶע זָאגְן, "בְּוַדַּאי לֹא הָיָה מְשֻׁגָּע כְּלָל", וָואלְט עֶר גֶעוָוארְן אוֹיס מְשׁוּגָע, אוּן אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן - אִיז דָאס מַמָשׁ אַזוֹי; וָואלְט מֶען גֶעפָאלְגְט דִי חֲכָמִים אוּן דִי צַדִיקִים - וָואלְט מֶען גֶעוָוארְן אוֹיס מְשׁוּגָע.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשפ"ה)



דער מולד וועט זיין: מוצאי שבת קודש 26 מינוט און 6 חלקים נאך 11 | ראש חודש אלול יהיה ביום הראשון ולמחרתו ביום השני

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# קֵיינֶער קֶען דִיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען מוּז רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה, נָאר אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין. רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט זֵייעֶר קֶערְפֶּער, קֵיינֶער קֶען זֵיי נִישְׁט אָנְרִירְן אִין פְּרִיוַואטֶע פְּלֶעצֶער, אֲפִילוּ דִי אֵייגֶענֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער; מֶען קֶען הַיינְט נִישְׁט ווִיסְן וְכוּ', מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז דִי זַאךְ פוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט אַ צְוֵוייטְנְ'ס קֶערְפֶּער - אִיז אַ סַכָּנָה.

מֶען מוּז רֶעדְן פוּן קְדוּשָּׁה צוּ דִי קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אָפֶענֶע דִיבּוּרִים פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, אוּן עֶס אִיז דָא אַ בַּאקַאנְטֶע שְׁמוּעֶס אֲסִיפַת מְלַמְּדִים וָואס מֶען הֶערְט דֶעם רֶבִּי'ן זָאגְן פַאר דִי מְלַמְּדִים אַז מֶען מוּז רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, אוּן דֶעמָאלְט הָאבְּן גֶעווִיסֶע גֶע'טַעֲנָה'ט אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, מִיטְ'ן טַעֲנָה, אַז מֶען וֶועט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי ווִיסְן וְכוּ', הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעקְלַאפְּט אִין טִישׁ אוּן גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף יָא רֶעדְן, אוּן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט וֵוייסְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער בִּכְלַל פוּן וָואס זִיךְ צוּ הִיטְן.

בַּיי יֶענֶע אֲסִיפָה הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ (פֶּרֶק יח), אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: אִיךְ הָאבּ אַמָאל אָנְגֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ תַּלְמִידִים - בְּעֶרֶךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים; נָאךְ אַ יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט פוּן דֶעם מְלַמֵּד, וֶוען אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם מְלַמֵּד זִיךְ צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן מִיט אִים הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן צוּזַאמֶען מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעשְׁטָארְבְּן. הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען 'פַארְוָואס דֶער מְלַמֵּד מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי תַּלְמִידִים, זֶענֶען אַלֶע גֶעשְׁטָארְבְּן', בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן מִיר גֶעפְרֶעגְט: "אֵלִיָהוּ, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט, "צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן...?" הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: "וֵויין נִישְׁט אֵלִיָהוּ, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, זֵיי הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶועז בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי אַלֶע גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג"; הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִסַּאטְמֶער אוֹיסְגֶעפִירְט פַאר דִי מְלַמְּדִים: "דָא זֶעט מֶען דֶער חִיּוּב וָואס מְלַמְּדִים הָאבְּן צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן".

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּ אוּנְזֶער נְסִיעָה קַיין אוּמַאן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִין זִיבְּן אִין דְרַייסִיג טֶעג פָארְן מִיר קַיין אוּמַאן, אוּן אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט מִיט דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי ווִי מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי לֶעבְּן. עֶס קוּמֶען אִין אוּמַאן אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, אַלֶע וָואס דַארְפְן תִּיקוּנִים, מֶען טָאר נִישְׁט לָאזְן דִי קִינְדֶער דָארְט אוֹיף הֶפְקֵר, מֶען מוּז הָאבְּן פַאר זֵיי אַ רֵיינֶע פְּלַאץ, אַ רֵיינֶע ד' אַמּוֹת, דֶערִיבֶּער שְׁטֶעלְן מִיר שְׁמִירָה בַּיי אוּנְזֶער בִּנְיָן, אַז נָאר דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס מִיר קֶענֶען זֵיי - קֶענֶען זַיין אִין בִּנְיָן, פְרֶעמְדֶע קֶענֶען נָאר זַיין בַּיים דַאוֶוענֶען, אוּן אִיךְ ווִיל דִיר טַאקֶע בֶּעטְן זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיסְשְׁפִּילְן דִי שׁוֹמְרִים וַוייל דוּ טוּסְט זִיךְ אַלֵיין אָפּ, דִי שׁוֹמְרִים זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ הִיטְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, זַיי נִישְׁט קַיין אוֹיבֶּער חָכָם אוּן אַוֶועק שְׁטוּפְּן אַ שׁוֹמֵר אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דַיינֶע גֶעסְט, דַיינֶע חֲבֵרִים. אוֹיסֶער דֶעם וָואס אִיז גְנֵיבָה, דֶער בִּנְיָן אִיז אַ פְּרִיוַואטֶע פְּלַאץ, נָאר בַּיים דַאוֶוענֶען קֶען מֶען קוּמֶען אוֹיךְ נָאר אִין שׁוּל, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"ה)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

יָא אַרָאפְּגֶעקוּמֶען, הָאט אִים דֶער טַאטֶע דֶערְצֵיילְט וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט.

אִין דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב הָאט גֶעלֶעבְּט אַ אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן, שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן ווִיפִיל עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ יְרִיד אִין שְׁטָאט, אוּן וֶוען ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יְרִיד הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן בְּרֶענְגֶען וַואסֶער אוּן גִיסְן אָן אֵיינֶעם. מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט נָאךְ אוּן נָאךְ וַואסֶער אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גִיסְן אוּן גִיסְן. עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וָואס עֶס גֵייט פָּאר, אוּן מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דָא אִיז דָא אַ אִיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פִירְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאט אָפְּגֶעשְׁפָּארְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט בַּיי אִים אִין גֶעשֶׁעפְט, אוּן אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר נָאךְ צוּגֶעבָּארְגְט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהַאט אַ סַךְ הַכֹּל פוּן זֶעקְס הוּנְדֶערְט גוּלְדְן מִיט וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דָא צוּם יְרִיד מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, הָאפֶענְדִיג מַצְלִיחַ צוּ זַיין.

אָנְקוּמֶענְדִיג אָבֶּער הַיינְט צוּם יְרִיד, הָאט מֶען אִים גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גַאנְצֶע סְכוּם גֶעלְט. דֶער אִיד הָאט גֶע'חַלְשְׁ'ט פוּן גְרוֹיס צַעַר, אִין אֵיין מִינוּט הָאט עֶר פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּלוּטִיגֶער אָרִימַאן, אוּן נָאךְ אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב. מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ גִיסְן וַואסֶער עֶר זָאל זִיךְ דֶערְוֶועקְן, אָבֶּער ווִי נָאר עֶר דֶערְוֶועקְט זִיךְ אוּן דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן זַיין גְרוֹיסֶע צָרָה, פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל חַלָּשׁוּת, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ. מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט אִים.

ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז גְלַייךְ צוּגֶעלָאפְן צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם גֶעלְט אוּן עֶס קֶען זַיין אַז דָאס אִיז דָאס פַארְלוֹירֶענֶע גֶעלְט, "גֶעבּ מִיר נָאר גוּטֶע סִימָנִים, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר עֶס צוּרִיק גֶעבְּן". דֶער אִיד הָאט מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן סִימָנִים אַז דָאס גֶעלְט אִיז גֶעלִיגְן אִין אַ רוֹיטְן בַּייטְל, עֶס הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל הוּנְדֶערְטֶער'ס אוּן אַזוֹיפִיל צְוָואנְצִיגֶער'ס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז ווִי עֶס זֶעט אוֹיס הָאט עֶר טַאקֶע גֶעפוּנֶען דָאס פַארְלוֹירֶענֶע גֶעלְט, עֶר גֵייט אַהֵיימְגֵיין אוּן עֶס אִיבֶּערְקוּקְן, אוּן אוֹיבּ עֶס שְׁטִימְט דִי סִימָנִים בְּרֶענְגְט עֶר עֶס גְלַייךְ צוּרִיק.

דֶער ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעהַאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט גֶעלְט אוֹיף צוּ חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִיבֶּערְגֶעצֵיילְט דָאס גֶעלְט אוּן גֶעזֶען אַז עֶר פַארְמָאגְט טַאקֶע זֶעקְס הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט דִי גֶעלְטֶער אַז סְ'זָאל שְׁטִימֶען מִיט דֶעם אִידְ'ס סִימָנִים, אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן אוּן עֶס גֶעבְּרֶענְגְט פַארְ'ן אִיד. דֶער אִיד הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן אוּן זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקְט פַאר ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ וָואס הָאט אִים מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט.

צְווִישְׁן דִי פַארְזַאמֶעלְטֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם זֵיי, הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפוּנֶען דֶער אֱמֶת'ֶער גַנָּב וָואס הָאט לַיידֶער זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאהֶערְשְׁן אוּן עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גֶעלְט פוּן יֶענֶעם אִיד. וֶוען דֶער גַנָּב הָאט אָבֶּער גֶעזֶען דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ וָואס גֶעבְּט אַוֶועק זַיין אֵייגְן אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועטֶע גֶעלְט נָאר כְּדַאי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַ אִיד, אוּן עֶר הָאט דָאךְ גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת אַז ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דָאס גֶעלְט, וַוייל דָאס גֶעלְט אִיז גֶעלִיגְן בַּיים גַנָּב אִין טַאשׁ, אִיז אַרַיין אִין אִים אַן אֱמֶת'ֶע הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן זִיךְ מִתְוַודֶה גֶעוֶוען פַארְ'ן גַאנְצְן עוֹלָם אַז עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גֶעלְט אוּן עֶר ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דָא גֶעבְּט עֶר עֶס צוּרִיק.

ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסֶענְדִיג גֶעמַאכְט, נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן עֶר הָאט עֶס יֶעצְט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט. אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גְרוֹיסֶע קְרִיגֶערַיי. ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן ווִיל עֶס צוּרִיק גֶעבְּן... אוּן דֶער צְוֵוייטֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶע'גַנְבְ'ט אוּן ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶס צוּרִיק גֶעבְּן... בֵּיידֶע הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַז דֶער אִיד זָאל נֶעמֶען דָאס גֶעלְט פוּן זֵיי. הָאט מֶען אָפְּגֶעמַאכְט אַז מֶען וֶועט גֵיין צוּם רָב אִין שְׁטָאט, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בַּארְדִיטְשׁוּבֶער זי"ע, אַז עֶר זָאל פַּסְקְ'עֶנֶען דִי דִין תּוֹרָה.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן פָארְגֶעלֵייגְט זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת, אִיז דֶער צַדִּיק מוֹרָא'דִיג צוּפְלַאמְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע מְלִיצוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַזוֹי ווִי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט

<<<<<<

<<<<<< מוהרא"ש דערציילט

פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק נָאר אָן דַיין טֵייעֶרע פָאלְק דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, וואו אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָאלְק ווי דִי אִידְן, צְוֵויי אִידְן קְרִיגְן זִיךְ וֶוער עֶס זָאל הָאבְּן דִי זְכִיָ' אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד און אִים צוּרִיק גֶעבְּן זַיין גֶעלְט אַז עֶר זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ. אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָאלְק אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט?"

דֶער צַדִיק הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר זָאלְט וִויסְן אַז אֵייעֶר דִין תּוֹרָה הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן רַעַשׁ אִין אַלֶע הִימְלֶען. און יֶעצְט גֵייט און מַאכְט אַ פְּשָׁרָה צְוִוישְׁן אַייךְ, און דִי זְכוּת וֶועט זַיין פַאר יֶעדְן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט און גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "יֶעצְט אִיז דֶער ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, און מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן אַלֶע צַדִיקִים פוּן גַן עֵדֶן אַז מֶען זָאל אִים גֵיין מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, און אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם טֵייעֶרְן אִיד וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, וָואס הָאט שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן, און אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ סַיי וִוי גֶעמוּזְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גַן עֵדֶן הָאט אִיךְ גֶעקֶענְט קוּמֶען נָאכְאַמָאל צוּ דִיר, אָבֶּער לִכְאוֹרָה וֶועל אִיךְ פוּן יֶעצְט און וַוייטֶער נִישְׁט קֶענֶען מֶער קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט דִיר"

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסֶע מַעְלָה פוּן אַ אִיד וָואס הֶעלְפְט אַ צְוֵוייטְן. וואוִיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר אִידְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ טוֹבוֹת)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (ריט)

## תשלד

דָאנֶערְשְׁטָאג, ח"י חֶשְׁוָן, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען קַיין לֶעמְבֶּערְג.

דִי גַאנְצֶע רֵייזֶע אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ מָאדְנֶע און אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וָואס קֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פְּשַׁט פוּן דֶעם. אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַהִינְגֶעפָארְן צוּ דִי אָרְטִיגֶע דָאקְטוֹירִים, טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט אַנְדֶערֶע פְּשָׁטִים אוֹיף דֶעם, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט דִי אֱמֶת'עֶ סִיבָּה פוּן דִי נְסִיעָה, דִי פַאקְטִישֶׁע עִנְיָנִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אִיז גֶעוֶוען פַארְהוֹילְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם.

## תשלה

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין לֶעמְבֶּערְג, הָאט עֶר זִיךְ דָארְטְן גֶעדוּנְגֶען אַ דִירָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין צוּ קֵיינֶעם. עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶע בַּעַל מַכְנִיס אוֹרֵחַ, פִילֶע גֶעסְט הָאבְּן גֶעגֶעסְן בַּיי אִים יֶעדְן טָאג, און וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען דָארְט דֶעם רֶבִּי'ן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן דֶעם רֶבִּינְ'ס גֶעשְׁטַאלְט, און עֶר הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל קוּמֶען אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים און עֶר וֶועט אִים צוּשְׁטֶעלְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, עֶסְן טְרִינְקֶען און שְׁלָאפְן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער גֶעזָאגְט, "דוּ הָאסְט דָאךְ שׁוֹין סַיי וִוי אַסַאךְ גֶעסְט, דוּ טוּסְט דָאךְ אַסַאךְ הַכְנָסַת אוֹרְחִים, יֶעצְט ווִיל אַלֵיין אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין אִין דִי מִצְוָה מִיט מִיר אַלֵיין", דָאס הֵייסְט אַז דֶער רֶבִּי וִויל טוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִיט זִיךְ אַלֵיין.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער בַּעַל מַכְנִיס אוֹרֵחַ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל יָא קוּמֶען צוּ אִים, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעמוּזְט צוּזָאגְן אַז עֶר וֶועט עֶסְן בַּיי אִים אֵיין סְעוּדָה, און דֶער רֶבִּי הָאט דָאס טַאקֶע מְקַיֵים גֶעוֶוען, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם אִיד אוֹיף אֵיין סְעוּדָה.

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט בְּדֶרֶךְ צַחוּת אַז עֶר הָאט מְקַנֵא גֶעוֶוען דֶעם מַכְנִיס אוֹרֵחַ, וִוי יֶענֶער אִיז גֶעזֶעסְן אוֹיבְן אָן וִוי אַ גוּטֶער אִיד, וִוי אַ רֶבִּי מִיט חֲסִידִים אַרוּם דֶעם טִישׁ, און נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען גֶעזֶעגְנְט זִיךְ פוּן אַ רֶבִּי אַהֵיימְצוּפָארְן, גֶעבְּט מֶען גֶעלְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אָבֶּער דֶער בַּעַל מַכְנִיס אוֹרֵחַ, וֶוען מֶען אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִים, הָאט עֶר נָאךְ גֶעגֶעבְּן גֶעלְט פַאר יֶעדְן גַאסְט.

## תשלו

זַייעֶנְדִיג אִין לֶעמְבֶּערְג פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, אִיז דֶער רֶבִּי דָארְט זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט און נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְשְׁטֵיין, און אוֹיךְ הָאט עֶר נָאר גֶעקֶענְט לִיגְן אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט.

מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַסַאךְ דָאקְטוֹירִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט כַאפְּן וָואס גֵייט פַאר מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דִי קְרֶענְק אִיז, און וָואס אִיז דִי הֵיילוּנְג דֶערְפַאר. דִי דָאקְטוֹירִים זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁטַארְק מְחוּלָק צְוִוישְׁן זִיךְ וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע רְפוּאָה פַאר דִי קְרֶענְק. דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזֶען און פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי גַאנְצֶע חָכְמָה פוּן דָאקְטֶערַיי אִיז הוֹילֶע נַארִישְׁקֵייטְן.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער, עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַסַאךְ מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, און דֶער דָאקְטֶער אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# צָאלְן אַ קְנַס וֶוען מֶען פַאלְט דוּרְךְ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין פָּארְגֶענוּמֶען אַז אִיךְ רִיר מֶער נִישְׁט אָן קַיין קָאמְפְּיוּטֶער, נִישְׁט צוּצוּקוּמֶען צוּ קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, און צוּ מַאכְן שְׁטֶערְקֶער דִי קַבָּלָה הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף מִיר אַ קְנַס פוּן פוּפְצִיג יוֹרָא אוֹיבּ אִיךְ וֶועל נוּצְן אַ קָאמְפְּיוּטֶער, מִיט דֶעם אַלֶעם הַאלְט מַיינֶע קְנָסוֹת שׁוֹין בַּיי הוּנְדֶערְט און פוּפְצִיג יוֹרָא, דָאס מֵיינְט אַז עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן און נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן.

אִיךְ דַארְף הִילְף פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ דַארְף חִיזוּק זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק, אֲפִילוּ וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר וִוי אַ פֵייעֶר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנָן, י' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַנְשְׁטָאט זִיךְ קַנְסֶ'ענֶען מִיט גֶעלְט - זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין אַ ווִינְקֶל, אִין אַ פֶעלְד אָדֶער אִין אַ שְׁטִילֶע שְׁטוּבּ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, און שְׁרַיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ קוּק עֲבֵירוֹת, אִיךְ קוּק נִיאוּף, רַאטֶעוֶוע מִיךְ".

מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, מִיט שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ זִיכֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין בְּלָאטֶע. דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַז אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אִין בְּלָאטֶע זָאל מֶען נִישְׁט שְׁטֵיין מִיט בֵּיידֶע פִיס, נָאר פְּרוּבִּירְן טַאנְצְן אַ פוּס אַרוֹיס אַ פוּס אַרַיין, אַ פוּס אַרוֹיס אַ פוּס אַרַיין, דֶער עִיקָר נִישְׁט שְׁטֵיין בְּלַייבְּן מִיט בֵּיידֶע פִיס; וִוי אַזוֹי שְׁלֶעפְּט מֶען אַ פוּס אַרוֹיס? דוּרְךְ שְׁרַייעֶן: "בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ, בַּאשֶׁעפֶער קוּק וָואס אִיךְ קוּק, בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ פַארְשְׁמִיר מַיינֶע אוֹיגְן"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרַייעֶן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנָן תשפ"ה)

# סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה חֵלֶק שֵׁנִי

**א. בִּשְׁבִיל שֶׁאֵין מְבַקְּשִׁין רַחֲמִים עַל חֲבֵרוֹ, עַל יְדֵי זֶה נוֹפֵל לִתְפִיסָה, וְתִקּוּן לִתְפִיסָה שֶׁיְּפַרְנֵס אֵיזֶהוּ בַּעֲלֵי חַיִּים.** אַז מֶען בֶּעט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ חַבֵר, דוּרְךְ דֶעם פַאלְט מֶען אַרַיין אִין תְּפִיסָה; און צוּ פַארְרֶעכְטְן דָאס וָואס מֶען דַארְף זִיצְן אִין תְּפִיסָה, זָאל מֶען גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן.

**ב. הַתְּפִלָּה מוֹעִילָה, כְּשֶׁפָּנָיו כְּלַפֵּי מַעְלָה.** תְּפִלָּה הֶעלְפְט בֶּעסֶער וֶוען מֶען קוּקְט מִיטְ'ן פָּנִים אַרוֹיף.

צוּ דֶערְוַוייטֶערְן וִוי מֶער פוּן דָאקְטוֹירִים אוּן פוּן מֶעדֶעצִינֶען. יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז מֶען הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעפָארְשְׁט אוּן גֶעאַקֶערְט אִין דִי חָכְמָה פוּן רְפוּאָה בִּיז יֶעצְט וֵוייסְן זֵיי שׁוֹין גָארְנִישְׁט בִּכְלַל, וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל פָארְשְׁן אוּן גְרִיבְּלֶען אִין דֶעם, הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אָנְצוּקוּמֶען צוּם אֱמֶת'ן רִיכְטִיגְן פַארְשְׁטַאנְד בִּיזְ'ן סוֹף.

דֶער דָאקְטֶער הָאט אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן דָאקְטוֹירִים אִיבֶּער אַ גֶעוִויסֶע גֶעפַארְפוּלֶע מַחֲלָה, וִוי אַזוֹי מֶען זָאל עֶס בַּאהַאנְדְלֶען; אֵיין גְרוּפֶּע דָאקְטוֹירִים זָאגְן אַז סַיי וֶועלְכֶע שְׁטַארְקֶע אוּן שַׁארְפֶע עֶסְנְוַוארְג אִיז זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ פַאר דֶעם קְרֶענְק, אוּן דֶער חוֹלֶה זָאל עֶסְן נָאר מַאֲכָלִים וָואס זֶענֶען דָאס פַּארְקֶערְטֶע, אוּן דִי צְוֵוייטֶע גְרוּפֶּע דָאקְטוֹירִים הַאלְטְן פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, אַז פַאר דֶעם קְרֶענְק דַארְף מֶען דַוְקָא עֶסְן שַׁארְפֶע זַאכְן, אוּן זִיסֶע אוּן וֵוייכֶע עֶסְנְוַוארְג שָׁאדְט גָאר שְׁטַארְק פַאר דִי מַחֲלָה. אוּן יֶעדֶע פוּן דִי גְרוּפֶּעס הָאט שְׁטַארְקֶע רְאָיוֹת צוּ זֵייעֶר שִׁיטָה, אוּן יֶעדֶע גְרוּפֶּע הַאלְט אַז וֶוער עֶס טוּט דִי פַּארְקֶערְטֶע פוּן זֵיי, אִיז דָאס מַמָּשׁ סַם הַמָּוֶת רַחֲמָנָא לִיצְלָן. קוּמְט עֶס אַז לוֹיט אֵיין גְרוּפֶּע דָאקְטוֹירִים, אִיז וֶוער עֶס טוּט וִוי דִי אַנְדֶערֶע גְרוּפֶּע גֶעבְּט מַמָּשׁ סַם הַמָּוֶת פַארְ'ן חוֹלֶה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַּארְקֶערְט לוֹיט דִי צְוֵוייטֶע גְרוּפֶּע, אוּן בֵּיידֶע גְרוּפֶּעס בַּאשְׁטֵייעֶן פוּן גָאר גְרוֹיסֶע גֶעלוּנְגֶענֶע דָאקְטוֹירִים וָואס קֶענֶען גָאר גוּט דִי חָכְמַת הָרְפוּאָה, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן קֶענֶען זֵיי נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ וִויסְן דֶעם רִיכְטִיגְן אֱמֶת אִין דֶעם, אוּן מֶען קֶען עֶס אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְפְּרוּבִּירְן צוּ זֶען וֶוער עֶס אִיז גֶערֶעכְט, וַוייל צוּמָאל זֶעט מֶען בְּחוּשׁ וִוי אֵיין דֵעָה, אוּן צוּמָאל וִוי דִי פַּארְקֶערְטֶע שִׁיטָה, אוּן מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבָרֵר זַיין דֶעם אֱמֶת.

### תשלז

דֶערְוַוייל הָאט זִיךְ נָאר גֶעוָוארְן עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער דִי קְרֶענְק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גָאר גֶעפֶערְלִיכֶע יִסוּרִים, אוּן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, בִּיז עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אַ שְׁמוּעֶס אַז דֶער רֶבִּי אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, לֹא עָלֵינוּ, דָארְט אִין לֶעמְבֶּערְג.

דִי שְׁמוּעָה הָאט דֶערְגְרַייכְט בִּיז צוּם שְׁטָאט מָאהְלוּב צוּ רֶבִּי נָתָן, עֶר אִיז הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מְצַעֵר גֶעוֶוען פוּן דֶעם, עֶס הָאט אִים מַמָּשׁ צוּגֶעטְרָאטְן צוּם הַארְץ, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר קֶען עֶס נִישְׁט אַרִיבֶּערְטְרָאגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער גֶעהָאלְפְן בְּדֶרֶךְ נֵס אַז מֶען אִיז גֶעווָאוֹיר גֶעוָוארְן אַז דִי שְׁמוּעָה אִיז פַאלְשׁ, אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער רֶבִּי אִיז גָאר גָאר שְׁוַואךְ אוּן קְרַאנְק.

### תשלח

דִי גַאנְצֶע צַייט אִיז דֶער רֶבִּי גֶעלֶעגְן אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת גֶעמַאכְט מִיט אִים גֶעוַואלְדִיגֶע נִיסִים וְנִפְלָאוֹת, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַבִּיסְל קוּמֶען צוּ זִיךְ, אוּן אֵיין נַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ פְּלוּצְלִינְג גֶעדְרֵייט צוּ דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אוּן עֶס הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן בֶּעסֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט אַז זַיין רְפוּאָה קוּמְט נִישְׁט פוּן אַ דָאקְטֶער, נָאר בַּיינַאכְט אִיז אֵיינֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז דִי קֶענִיגְרֵייךְ הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל לִיגְן אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר גֶעקֶענְט זִיךְ דְרֵייעֶן צוּ דִי רֶעכְטֶע זַייט, אַ זַאךְ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן שׁוֹין פַאר אַ לֶענְגֶערֶע צַייט.

דֶער אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִיז גֶעוֶוען הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַהֲרֹן פוּן טִיטְיוּב זי"ע, אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, וָואס אִיז אִים גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ קָרוֹב מִיט אִים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קָאזִין מִיט זַיין מַאמֶע. דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז יֶעצְט אִיז רֶבִּי אַהֲרֹן מַיין אוֹהֵב נֶאֱמָן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# "אינוועסט קאמפיין" דערגרייכט ציל מיט סוקסעס

פארגאנגענע וואך זענען אלע אנשי שלומינו געווען פארנומען צו צוזאמנעמען צדקה פון קרובים און באקאנטע, און אין אלגעמיין פון אלע אידישע קינדער, צוליב די "אינוועסט קאמפיין" וואס איז געלאפן פון דינסטאג ביז דאנערשטאג עקב.

דער ציל פונעם קאמפיין איז געווען אנצוקומען צו א מיליאן דאלער, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף איז מען אנגעקומען צום ציל אום דאנערשטאג נאכט, און נאכדעם האט מען צוגעלייגט א באנוס ציל פון נאך א פערטל מיליאן דאלער, און יעצט גייענדיג צום דרוק האלט מען שוין נאנט אנצוקומען צום באנוס ציל.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשמועסט נאכ'ן קאמפיין אז ער האט זייער הנאה פון דעם פאקט אז אלע אנשי שלומינו זענען געווען איינגעשפאנט צו גיין נאך געלט, וואס דאס איז דער עיקר ציל פונעם קאמפיין. אין לויף פונעם יאר קומט אריין אסאך מער געלט פון דעם, עטליכע מיליאן דאלער, בלויז פון די מעשר פון פארמעגליכע אנשי שלומינו, אבער עס איז זייער וויכטיג אז יעדער זאל זיך צוגעוואוינען צו גיין נאך געלט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט ווי אזוי הרה"ק מסאטמאר זי"ע פלעגט הייסן די בחורים גיין נאך געלט, און עס זענען געווען רייכע עשירים וואס האבן געבעטן דעם רבי'ן זי"ע אז זיי זענען גרייט צו געבן פאר'ן רבי'ן וויפיל געלט ער וויל נאר, אבער זייערע בחורים זאל מען נישט הייסן גיין נאך געלט, אבער דער רבי האט זיך גע'עקשנ'ט אז ער וויל דוקא אז יעדער בחור זאל גיין נאך געלט, און ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט שפעטער האט מען געזען די ווייטגרייכנדע אויגן פון דעם צדיק, אז עס איז געווארן איינגעבאקן אין יעדן איינעם די גרויסקייט פון צוזאמנעמען צדקה און פון טיילן צדקה, ווי יעדער ווייסט אז פון די סאטמארע קהלות קומט ארויס די מערסטע צדקה איבער די וועלט, און יעדער געלט-גייער איז חשוב און ארויפגעקוקט, נישט פארקערט חס ושלום.

מוהרא"ש האט דאס אויך שטארק אריינגעברענגט אין אנשי שלומינו, יעדער זאל גיין נאך צדקה, אזוי ווי סאטמאר רבי זי"ע האט פארלאנגט, און ברוך ה' אז מען זעט די פירות ווי יעדער האט זיך אזוי שטארק אנגעשטרענגט צוזאמצונעמען צדקה, און טאקע אנגעקומען צום ציל.

דאס איז א גוטע הכנה צו די הייליגע טעג, ווען מיר גייען שרייען און בעטן, ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה.


## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

718-387-2691

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

## קָאפּל פרענדס

די שעדליכקייט פון האבן "קאפל פרענדס", די עקלדיגקייט פון פארברענגען עטליכע פאר-פעלקער צוזאמען, וואס ברענגט נאר שלעכטס

קול ברסלב

212-444-9191

1, 2, 1, 11, 2, 72



קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876